NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13202

GETSL

Sholem Aleichem

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאָלעם-אַלײכעם

געצל

ב	„קינדער-פרײַנד" װאַרשע 1936	נומער 5–6 3-טער יאָרגאַנג

שאָלעם-אַלייכעם

געצל

און אנדערע דערציילונגען

באַאַרבעט פאַר קינדער:
מ. רוּבינשטיין

„קינדער-פריינד", ווארשע 1936

Printed in Poland

SZOŁEM-AŁEJCHEM

G E C Ł

„Kinder-Frajnd", Warszawa 1936

Druk. „R e n o m a", Warszawa

קינדער!

אין דעם ביכל דרוקן מיר פֿאַר אײַך עטלעכע מײַסעלעך פֿון שאָלעם-אַלייכעם.

איר האָט שוין אַוודאי געהערט דעם דאָזיקן נאָמען און עפּשער אויך עפּעס געלייענט פֿון דעם שרײַבער. ווען איר וועט איבערלייענען די עטלעכע מײַסעלעך, וועט איר זיכער נאָך מער אים ליב קריגן און אַוודאי וועט איר לייענען נאָך אַ סאַך, אַ סאַך זײַנע דערציילונגען.

אַלע קינדער האָבן ליב צו לייענען שאָלעם-אַלייכעמען, ווײַל שאָלעם-אַלייכעם דערציילט שיין און פֿריילעך און ס'ע טוט אַ גרויסע הנאָה אים צו הערן.

שאָלעם-אַלייכעם האָט אויך זייער ליב געהאַט קינדער און ער האָט אַ סאַך דערציילונגען אָנגעשריבן וועגן זיי. די קינדער פֿון שאָלעם-אַלייכעמס דערציילונגען זענען אָרעמע קינדער, אָבער – פֿריילעכע, שטיפֿערישע און זייער ליבע.

ס'איז שוין איבער 20 יאָר ווי דער גרויסער און באַליבטער יידישער שרײַבער שאָלעם-אַלייכעם (זײַן עמעסער נאָמען איז געווען שאָלעם ראַבינאָוויטש) איז געשטאָרבן אין ניויאָרק. און יעדעס יאָר דערמאָנען מיר אים אַלע – דערוואַקסענע און קינדער – מיט גרויס ליבע און דאַנקבאַרקייט.

אויך הײַנטיקס יאָר, צום צוואַנציקסטן יאָרצײַט פֿון זײַן טויט, דערמאָנען מיר גאַנץ באַזונדער דעם נאָמען פֿון דעם

גרויסן שרײַבער. עס דערמאָנען אים אַלע קינדער פֿון די ייִדיש-
וועלטלעכע שולן אין פּוילן און דער גאַנצער וועלט. זיי לערנען
און לייענען זײַנע ביכלעך, לאַכן מיט זײַן שיינעם געלעכטער,
לעבן זיך צונויף מיט זײַנע קינדער-געשטאַלטן, צייכענען אָן
בילדער פֿון זײַנע מייסעלעך.

האָבן מיר באַשלאָסן איך אויך, אונדזערע לייענער, צו
געבן א קליין ביכעלע — עטלעכע מייסעלעך פֿון שאָלעם אַליי-
כעם

לייענט זיי איבער קינדער, קריגט ליב דעם גרויסן שרײַ-
בער וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט דאָס ייִדישע קינד. דערקענט
זײַנע קינדער-געשטאַלטן און — דערמאָנט מיט ליבע דעם
נאָמען

ש אָ ל ע ם אַ ל ײ כ ע ם !

געצל

1

געהייסן האָט ער געצל, נאָר גערופן האָט מען אים גויעצל, געהאַלטן אים פאַר אַ פּערע־אָדאָם; ווער עס האָט נאָר געוואָלט, דער האָט געטריבן מיט אים קאַטאָוועס, געמאַכט פון אים כויזעק. געווען איז ער צווישן די קליינע יינגלעך אין כיידער אַ באָכערל אַ דערוואַקסענער שוין, אַ לעפּעשוואַטער, מיט מעגושעם־גראָבע הענט און מיט מעגושעם־גראָבע ליפּן. אַ קאָל האָט ער געהאַט ווי פון אַ פאַס, און געגאַנגען איז ער מיט ברייטע הויזן און מיט גרויסע שטיוול, ווי אַ בער. אַ קאָפּ איז אויף אים געזעסן אַ גרויסער ווי אַ באַק־דייזשע. ער פלעגט זיך פאַרקלייבן אין אַ ווינקל, אָנגע־שטאָפּט פולע באַקן און געמאַלעגיירעט ווי אַ קאַלב. גויעצל האָט געהאַלטן, פאַרשטייט איר מיך, פון דער אַכילע. עסן איז ביי אים געווען טייערער פון וואָס איר ווילט. „אַ קישקע אָן אַ דנאָ” — האָבן געזאָגט אויף אים זיינע כאַווײרים. און גויעצל זאָל זיך דאָס אַפילע פאַר־קרימען! דערטאַפּט דעם אָנבייסן, אַריין אין מויל

און געריבן אויף וואָס די וועלט שטייט. און אָנבייסנס האָט מען אים געטראָגן אין כיידער אַריין טאָמיד די בעסטע — קנישעס מילכיקע מיט וואַרעניקעס לעראָוו!

אָט דער מעגושעמדיקער לעפּעשעוואַטער יינגל איז נאָך געווען צו די צאָרעס ביי זיין מאַמע די נעגידיסטע אַ ציטעריקער, אַ בען־יאָכידל — האָט זי אים געהאָדעוועט, געשטאָפּט טאָג ווי נאַכט, ווי מען שטאָפּט אַ גאַנז, און קעסיידער געקלאָגט זיך, אַז „דאָס קינד עסט גאָרנישט". דער גאַנצער כיידער לאַכט, און גויעצל זיצט אָנגעבלאָזן און שוויגט: ברויגעז איז ער טאַקע, נאָר ער שוויגט. שווער אַריינצוברענגען אים אין קאַס; נאָר האָט מען אים אַריינגעבראַכט אין קאַס — איז נו, נו! אָדער, אַז מען צערייצט אים, באַדאַרף נישט זיין אַזוי געפערלעך ווי ער. פּאַר קאַס הייבט ער אָן טאַנצן און בייסן זיך אַליין מיט די געזונטע ווייסע ציין אין די הענט אַריין, און לאָזט ער אַראָפּ אַ פּאַטש, קאָן מען אים פילן, טאַקע האָבן האַנאָע. דאָס האָבן זיינע כאַווײרים געוווסט גאַנץ גוט, טאַקע פאַרזוכט אויף זייערע פּלייצעס, און מוירע געהאַט פאַר אים, נישט געוואָלט האָבן מיט אים צו טון.

2

ס'איז געקומען אַ יאָנטעוו, האָבן זיך כעוורע צונויפגעקליבן שפּילן אין ניס. דאָס שפּיל אין ניס איז אַ שפּיל ווי אַלע שפּילן. נישט בעסער פון דריידל און

נישט ערגער פון קאָרטן. דאָס שפּיל אין ניס באַשטייט אין פאַרשידענע שפּילן: אין „גריבל", אין „באַנק" און אין „יאַרמעלקע". און אויסלאָזן לאָזט זיך אויס דאָס שפּיל, ווי געוויינטלעך יעדעס שפּיל: איינער פאַרשפּילט, דער אַנדערער געווינט. האָבן זיך, הייסט עס, כעוורע צונויפגעקליבן אין כיידער, אַלע צען באַווײַרים, שפּילן אין ניס. איבערגעקערט אַ באַנק, אויסגעלייגט אַ שורע ניס אויף דער ערד און גענומען וואַרפן פון דער באַנק אַראָפּ צו דער שורע: ווער עס וועט מער אויסשלאָגן פון דער שורע, דער האָט געוווּנען. פּלוצים עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן געצל מיט פולע קעשענעס געוויינטלעך.

— אין וואָס שפּילט איר, אין באַנק? שפּיל איך אויך מיט אײַך. איך האָב ניס. — אַזוי זאָגט געצל און באַקומט באַלד אַ טשוווע:

— מיט דיר שפּילן מיר נישט!

— פאַרוואָס?

— דערפאַר!

— נו, וועל איך אײַך צעשלאָגן דאָס שפּיל!

און נישט לאַנג געטראַכט, גענומען מיט די בעריִשע פיס און צעשלײַדערט די שורע ניס איבער דער גאַנצער שטוב. האָט דאָך עס כעוורע מיסטאָמע פאַרדראָסן.

— קינדער, וואָס שווײַגט איר אים? -- האָט זיך אָנגערופן איינער.

— לאָמיר אים אָנבּרעכן די בּיינער! — רופט זיך אָן אַ ייִנגל.

— אַנו, פּרווּוט זיך! — מאַכט געצל און פאַרקאַ־טשעט די אַרבּל, גרייט צו דער אַרבּעט.

און ס'איז אַרויס אַ מילכאָמע, פון איין זײַט דער גאַנצער כיידער, פון דער אַנדערער זײַט — געצל. צען איז נישט איינער. זיי האָבּן טאַקע געפּילט דעם טאַם פון זײַנע געזונטע קולאַקעס: אַ צוויי דרײַ סימאָנים בּײַלן איז שטערן און לאַמטערנעס אונטער די אויגן האָבּן טאַקע געכאַפּט זיי. דערפאַר האָבּן זיי אָבּער אויך אים געגעבּן צו זעו די וועלט מיט זייערע שאַרפע נעגל און מיט די ציין און מיט וואָס נאָר מען האָט געקאָנט, פון פאָרנט און פון הינטן און פון אַלע זײַטן, געדראַ־פעט, געשטשיפּעט, געפּליקט, געריסן, געבּיסן — בּעקי־צער, צען איז נישט איינער, גויוועער געווען האָבּן זיי, און געצל האָט געמוזט, מעכילע, נעמען דעם וועג און מאַכן פּלייטע. און ערשט דאָ הייבּט זיך אָן די רעכטע מײַסע מיט די ניס.

3

אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן אַ צעדראַפּעטער, מיט צעריסענע פּלודערן, איז געצל געבּליבּן שטיין אַ ווײַלע פאַרטראַכט. נאָך דעם האָט ער זיך געגעבּן אַ פּאַטש מיט בּיידע הענט איבּער די קעשענעס, און עס האָט זיך גע־לאָזט הערן אַ קלינגען פון אַ סאַך ניס.

— ווילט איר, הייסט דאָס, מיט מיר נישט שפּילן אין ניס? לאָז זיך מיט אײַך שפּילן דער מאַלעך־האַ־מאָוועס! איך דאַרף אײַך אויף סים סאָט קאַפּאָרעס! איך קאָן באַשטיין, מיר זאָלן זיך אַליין אינצווייען שפּילן...

אַזוי האָט געצל אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין און האָט זיך געלאָזט גיין ווו די אויגן וועלן אים טראָגן. אָפּגעשטעלט זיך אין מיטן וועג, טוט ער אַ זאָג צו זיך, ווי ער וואָלט דאָ געווען מיט עמעצן זאַלבענאַנד:

— וווּהין זשע, געצל, וועלן מיר גיין, אַשטייגער?

— און טאַקע באַלד זיך אַליין געענטפערט:

— אַהין, ווײַט... הינטער דער שטאָט, אויף יענער זײַט מילן. דאָרט איז נישטאָ קיינער. דאָרט וועלן מיר זיך זײַן איינער אַליין אינצווייען, קיינער וועט אונדז נישט שטערן. און לאָז עמעצער פּרוּוון אונדז שטערן, וועלן מיר ברעכן ביינער, מאַכן אַ טעל...

און געצל, רעדנדיק אַזוי מיט זיך אַליין, פילט, אַז ער איז נישט איינער, נאָר צוויי, און קויעך פילט ער אין זיך פאַר צוויי! אַנו, לאָזן נאָר קומען אַהער זײַנע כאַווײרים, מאַכט ער פון זיי אַ מאַטשינקע, אַ האַנטשירקע! און ער האָט דערפון שטאַרק האַנאָע, און הערט נישט אויף צו רעדן מיט זיך אַליין, גלײַך ווי ער וואָלט דאָ געווען בעעמעס זאַלבענאַנד.

— הער נאָר אויס, ביזוואַנען וועלן מיר, אַשטיי־

גער, גייַן? — מאַכט ער צו זיך אַליין און ענטפערט זיך:

— נו, עס ווענדט זיך אין דיר.

— טאָמער וואָלטן מיר זיך גאָר דאָ צוגעזעצט שפּילן אין ניס? הא, וואָס זאָגסטו, געצל?

— גוט!

און געצל זעצט זיך צו אויף דער ערד, העט־וויַיט הינטער דער שטאָט, אויף יענער זיַיט מילן. אַרויסגענומען און איבערגעציילט די ניס, צעטיילט זיי אויף דער האַלב, גליַיך אויף גליַיך; איין העלפט אַריַינגעלייגט אין דער רעכטער קעשענע, די אַנדערע העלפט אין דער לינקער קעשענע, אויסגעטון דאָס היטל און אַריַינגעוואָרפן אַהין פון דער רעכטער קעשענע עטלעכע ניס און אַ זאָג געטון צו זיך אַליין:

— זיי מיינען, אַז אַן זיי קאָן מען זיך גאָרנישט באַגיין... הער נאָר אויס געצל, אין וואָס פאַר אַ שפּיל שפּילן מיר?

— איך ווייס? אין וואָס פאַר אַ שפּיל דו ווילסט.

— עפשער וועלן מיר שפּילן אין „אום צי גראָד”?

— גוט!

און ער טוט אַ טרייסל מיט דעם היטל און אַ מאַך:

— אַצינד טרעף! אום צי גראָד? נו, רעד ווערטער! — מאַכט ער צו זיך אַליין, און טוט זיך אַ זעץ מיטן עלנבויגן אין זיַיט אַריַין און ענטפערט זיך אַליין:

— גראָד.

— גראָד, זאָגסטו? ווי לאַנג שמײַסט מען דיך! גיב אַהער. האָסט פאַרשפּילט דרײַ ניס.

און ער נעמט אַרויס פון דער לינקער קעשענע דרײַ ניס, לייגט זיי איבער אין דער רעכטער. ווידער אַ מאָל אַ טרייסל מיט דעם היטל, און ווידער אַ מאָל אַ פרעג:

— גו, ווײַטער. אום צי גראָד?

— אום.

— אום, זאָגסטו? ווי לאַנג קרענקסטו! גיב אַהער, דו האָסט פאַרשפּילט פיר ניס!

און ער לייגט איבער פון דער לינקער קעשענע אין דער רעכטער פיר ניס, טוט אַ טרייסל מיט דעם היטל און אַ מאַך צו זיך אַליין:

— נו, עפשער וועסטו איצט טרעפן? אום, צי גראָד?

— גראָד.

— גראָד, זאָגסטו? ווי לאַנג פוילן די ביינער דײַנע! גיב אַהער, דו פאַרך איינער, פינף ניסלעך!

— גענוג איך פאַרשפּיל, שעלסטו זיך נאָך?

— ווער איז דיר שולדיק, אַז דו ביסט אַ בעהיימע און טרעפסט ווי אַ בלינדער אין גרוב? נו, זאָג שוין ווײַטער, זאָג: אום צי גראָד? איצט וועסטו שוין מיסטאָמע געוויס טרעפן.

— גראָד.

— גראָד? לעבן זאָלסטו מיר אַזוי! גיב אַהער, דו

פערד איינער, זיבן ניס, און טרעף נאָך אמאָל: אום צי גראָד?

– גראָד.

– ווידער אַ מאָל גראָד? איך זאָל דיך אַזוי האָבן פאַר אַ טאַטן! גיב אַהער, שלימאַזל, נאָך פינף ניסלעך, און טרעף שוין אַצינד, עפּשער וועסטו כאָטש איין מאָל טרעפן!

– אום, צי גראָד? נו, וואָס שווײַגסטו?

– איך האָב שוין נישט קיין ניס.

– ס'אַ ליגן! דו האָסט!

– ווי איך בין אַ ייִד, איך האָב נישט.

– טו נאָר אַ זוך גוט אין קעשענע אויפן דנאָ! אָט אַזוי.

– נישטאָ קיין סימען אפילע!

– נישטאָ? פאַרשפּילט אַלע ניס? נו? צו וואָס האָט עס דיר געטויגט? ביסטו נישט קיין בעהיימע?

– גענוג, האָסט אָפּגעווונען בײַ מיר אַלע ניס, רייצסטו זיך נאָך מיט מיר?

– זייער רעכט אויף דיר! האָסט געוואָלט בײַ מיר אָפּגעווינען, האָב איך בײַ דיר אָפּגעווונען.

און גויעצל איז העכסט צופרידן פון דער מעַסע, וואָס געצל האָט פאַרשפּילט, און ער, גויעצל, האָט געווונען. ער פילט, אַז עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט. ער פילט זיך איצטער בעקויעך אָפּגעווינען בײַ דער גאַנצער וועלט אַלע ניס. ווו נעמט מען זיי איצטער, די

כאווײַרים מײַנע פֿון כײדער? וואָלט איך זיך מיט זײ
באַרעכנט! איך וואָלט זײ נישט איבערגעלאָזט קײן אײנ-
ציק ניסל!

און געצל ווערט אין קאַס, לײגט צונויף די קולאַ-
קעס און קריצט מיט די צײן און רעדט צו זיך אַלײן,
גלײַך ווי ער וואָלט דאָ בעעמעס געווען זאַלבענאַנד:

— אנו, פּרוּווט איצט זיך אָנהײבן מיט מיר!
אַצינד בין איך שוין נישט אַלײן! אַצינד זענען מיר
שוין זאַלבענאַנד... נו, געצל? וואָס ביסטו געבליבן זיצן
עפּעס ווי אַ כאָסן? לאָמיר נאָך שפּילן אַביסל אין ניס.

— אין ניס? ווו האָב איך ניס? איך האָב דאָך דיר
געזאָגט, אַז איך האָב שוין נישט קײן אײנציק ניסל
אַפּילע.

— אַך! איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז דו האָסט שוין
נישט קײן ניס... ווײסטו וואָס? איך וועל דיר געבן אָן
אײצע, געצל.

— וואָס?

— געלט האָסטו?

— איך האָב. נו, איז וואָס?

— קויף בײַ מיר ניס.

— וואָס הײסט, איך זאָל בײַ דיר קויפֿן ניס?

— בעהײמע, ווײסט נישט וואָס הײסט קויפֿן? גיב
מיר געלט, נאַ דיר ניס. האַ?

— נו, גוט.

און ער נעמט אַרויס פֿון בײַטעלע אַ זילבערנע

גריוונע *), דינגט זיך אויס, ציילט אָפּ אַ פּאָר צענדליק ביס פון דער רעכטער קעשענע אין דער לינקער, און דאָס שפּיל הויבט זיך אָן גאָר איבער אַ נײַעס.

4

געצל האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט מיטן היטל: אום צי גראָד, געלייגט פון איין קעשענע אין דער אַנדערער, ביז די לינקע קעשענע איז געבליבן אָן איין ניסל.

— נו, פאַרוואָס שפּילסטו נישט?

— איך האָב שוין נישט מיט וואָס.

— ווידער אַמאָל געבליבן אָן ניס, שלימאַזל?

— דו זאָגסט, איך בין אַ שלימאַזל, און איך זאָג, אַז דו ביסט אַ שווינדלער.

— זאָגסטו נאָך אַ מאָל דאָס וואָרט „שווינדלער“, גיב איך דיר איבער די פּיסקעס.

געצל בלײַבט זיצן עטלעכע מינוט שטיל, גראָבלט מיט די פינגער אין דער ערד, גראָבט אַ גריבל און ברומט שטילערהייט אַ לידל אונטער דער נאָז. נאָך דעם טוט ער אַ זאָג:

— אומעטיק! לאָמיר שפּילן אין ניס.

— וווּ האָב איך ניס?

— האָסט נאָך עפּעס געלט? איך וועל דיר פאַרקויפן נאָך אַ צענדליק.

*) גריוונע — צען קאָפּיקעס (אַמאָליק רוסיש געלט).

— געלט? ווו האָב איך געלט? איך האָב שוין נישט אַ גראָשן!

— נישט קיין ניס און נישט קיין געלט? אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן! כאַ־כאַ־כאַ!

און דער „כאַ־כאַ־כאַ" צעשיט זיך איבערן גאַנצן פעלד, קלינגט זיך אָפּ מיט אַ ווידערקאָל אינעם געדיכטן ווײַטן וואַלד, און געצל קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער.

— וואָס איז מיט דיר פאַר אַ געלעכטער, דו גויעצל איינער? — מאַכט ער צו זיך אַליין, און טאַקע זיך אַליין אָפּגעענטפערט:

— דאָס לאַך איך פון דיר. געננוג דו האָסט מיר פאַרשפּילט אַלע ניס — צו וואָס האָט דיר געטויגט נאָך נעמען און פאַרשפּילן דאָס געלט אויך, אַזוי פיל געלט? אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן! כאַ—כאַ—כאַ!

— האָסט דאָך מיך אַליין אַרויפגעפירט דערויף, דו שלעכטער יונג!

— נאַר איינער! אַז איך זאָל דיר זאָגן אָפּשנײַדן די נאָז, דאַרפסטו מיך פאָלגן? דו פּענטאַק איינער! דו בעהיימע! כאַ—כאַ—כאַ!...

— ווער כאָטש אַנטשטומט, דו גויעץ איינער, און לאָמיך דײַן פּאָנעם נישט אָנקוקן!

און ער קערעווועט זיך אַוועק פון זיך אַליין, זיצט עטלעכע מינוט אַן אָנגעברויגעזטער, גראַבלט מיט די פינגער די ערד, פאַרשיט דאָס אויסגעגראָבענע

גריבל און זינגט שטילערהייט אַ לידל אונטער דער נאָז.

5

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, געצל? — רופט ער זיך אָן צו זיך אַליין אין עטלעכע מינוט אַרום.—לאָמיר זיך שוין איבערבעטן, לאָמיר ווערן כאַ־ווער. — פאַרוואָס זאָלן מיר זיך נישט פאַרגינען צע־קנאַקן עטלעכע ניסלעך? זיי באַדאַרפן זײַן, מיין איך, נישט שלעכט? האַ? ווי מיינסטו, געצל?

— יאָ, איך מיין אויך אַזוי, זיי באַדאַרפן זײַן נישט שלעכט. — ענטפערט ער זיך אַליין, און כאַפּט אַרײַן אין מויל איין ניסל, דאָס אַנדערע ניסל, דאָס דריטע ניסל, טוט אַלע מאָל אַ זעץ מ׳טן האַנט איבער די צײַן, דאָס ניסל טוט אַ טרישטשע, נעמט ער אַרויס אַ פּעטן יאָדער, רייניקט אים אַרום, וואַרפט אים אַרײַן אין מויל און קײַט מיט די גרויסע ווײַסע ציין געשמאַק, כראָמ־קעט ווי אַ פערד האָבער, און רופט זיך אָן:

— ביסט עפּשער אויך אַ באַלן, געצל, אויף אַ יאָ־דער פון אַ ניסל? שעם דיך נישט, זאָג!

— פאַרוואָס נישט?

אַזוי ענטפערט ער זיך אַליין, ציט אויס די לינקע האַנט, נאָר טאַקע באַלד טוט ער זיך אַ פּאַטש מיט די רעכטער:

— אַ מאַקעַ ווילסטו נישט?

— לאָז דיר זײַן אַ מאַקע.

— לאָז דיר זײַן צוויי.

און ער הערט נישט אויף צו קנאַקן ניסלעך און קײַען די פּעטע יאָדערן, כראָמקען, ווי אַ פערד האָבער. ס'איז אים קאַרג וואָס ער פרעסט און יענער זיצט און קוקט, רופט ער זיך אָן צו אים:

— הער נאַר, געצל, וואָס איך וועל דיך פרעגן: ווי אַזוי איז דיר, לעמאָשל, בעשאַס־מײַסע אַז איך עס און דו קוקסט?

— ווי אַזוי מיר איז? אַזאַ יאָר אויף דיר!

— ע, ביסט, אַפּאָנעם, אין קאַס? נאַ זשע דיר אַ יאָדער פון אַ ניסל.

און געצלס רעכטע האַנט גיט דער לינקער האַנט אַ יאָדער פון אַ ניסל. ווײַל די לינקע האַנט נעמען דעם יאָדער פון ניסל, גיט אים די רעכטע האַנט, מעכילע, אַ פײַג... גייט די לינקע האַנט און טוט אַ פּאַטש דער רעכטער האַנט, נעמט די רעכטע האַנט און טוט אַ פּאַטש דער לינקער האַנט. גייט די לינקע האַנט און דערלאַנגט אַ פראַסק אין דער רעכטער באַק, גייט די רעכטע האַנט און שטעקט אָפּ דער לינקער באַק צוויי פּעטש, כאַפּט אָן די לינקע האַנט בײַ דער רעכטער לאַץ, נעמט די רעכטע האַנט און רײַסט אָפּ די לינקע לאַץ פון אויבן ביז אַראָפּ. גייט די לינקע האַנט און

כאַפּט זיך אָן בײַ דער רעכטער פּייע, נעמט די רעכטע האַנט און פאַרפאָרט אין לינקן אויער.

— לאָז אָפּ די פּייע, געצי, פאָלג מיך, לאָז אָפּ די פּייע!

— לאָז אַפּ דעם אויער, װעל איך דיר אָפּלאָזן די פּייע!

— אַ מאַקע!

— נו, בלײַבסטו אָן אַ פּייע, געצי!

— בלײַבסט דו, גױעץ, אָן איין אויער!

— אײַ!

— אײַ־אײַ!!

. . . .

ע פּ י ל אָ ג.

עטלעכע מינוט האָט זיך אַזוי געקאַטשעט אויף דער ערד אונדזער געצל. אָט איז ער געלעגן פון אויבן מיט דער רעכטער זייט, אָט איז ער געלעגן פון אויבן מיט דער לינקער זײַט, צוגעהאַלטן מיט בײדע הענט די קעשענע מיט ניס. אַ מינוט האט גױװער געװען גויעצל, אַ מינוט האָט גױװער געװען געצל. ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער ערד, אַן אײַנגע־קאַטשעטער אין בלאָטע, אַ צעפּליקטער, מיט אַ צע־בלוטיקטן אויער, מיט אַן אונטערגעריסענער פּייע,

אַרויסגעכאַפּט אַלע ניס פון קעשענע און פאַרוואָרפן זיי אין בלאָטע אַריַין, העט, וויַיט ביז אויף יענער זיַיט מיל, און צוגעברומט מיט קאַס:

— אָט אַזוי!... נישט מיר, נישט דיר!...



א פייגעלע

איינמאָל אין אַ פרײַטיק, זומער איז דאָס געווען, זענען מיר געגאַנגען פון כיידער אַהיים עטלעכע יינגלעך מיט אַ מאָל. געגאַנגען זענען מיר גיך, קימאַט געלאָפן, וואָרעם ערשטנס, האָט מען אונדז געלאָזט פרײַ אויף שאַבעס אַהיים און צווייטנס, זענען מיר געווען הונגעריק און אויף אונז האָט געוואַרט אַ הייס ראָסלפליישל מיט אַ פרישער שמעקנדיקער כאַלע.

פלוצים האָט איינער פון אונדזער כעווראַ אויסגעשריגן אויף אַ קאָל: „אוי, אַ פייגעלע" — און מיר האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

ווי אַ קנײַלעכל איז געזעסן אויף דער ערד, מיטן קעפּעלע אַרויף, אַ קליין יונג פייגעלע, מיט נאָך גאָר אַ געל פּיסקעלע. דאָס פייגעלע האָט נעבעך געציטערט, צעלאָזט די פעדערלעך, געטרייסלט זיך, געפלאַטערט, געמאַכט מיט די פליגעלעך, געעפנט אַלע מאָל דאָס געלע פּיסקעלע, ווי אַ קליין קינד בעשאַס עס וויל עסן, און אַרויסגעלאָזט אויף אַ הייזעריק קעלכל „פּי!..." און עס האָט זיך אויפגעכאַפּט בײַ אונדז אַ געפיל פון ראַכמאָנעס, און מיר האָבן אָנגעהייבן

קלערן: וואָס טוט מען מיטן פייגעלע? דער האָט גע־זאָגט: מען דאַרף עס לאָזן זיצן אויף דער ערד, ביז דעם פייגעלעס „מאַמע" וועט קומען. דער האָט געגעבן אַן אייצע, מען זאָל עס געבן אַ וואָרף אין דער הייך, וועט עס אויעקפליען, און דער האָט געדרונגען, אַז מען דאַרף דאָס נעמען אַהיים, נאָר אַז ס'איז אַ ראַכ־מאָנעס, אַ „צאַר באַלע כאַיִם" — דאָס האָבן אַלע מוידע געווען.

— — —

און מיר האָבן געבראַכט דאָס פייגעלע אַהיים, פאַרגעסן אַז מיר זענען הונגעריק, גענומען עס האָ־דעווען, עס געגעבן וואַסער אין פיסקל אַריין — דאָס פייגעלע האָט אַזוי לאַנג געציטערט, געפינטלט מיט די אייגעלעך, געטרייסלט זיך און געפלאַטערט ביי אונדז אין די הענט, ביז עס האָט פאַרוואָרפן דאָס קעפּעלע אויף אַ זייט, די אייגעלעך פאַרגלאָצט און... ס'איז גע־ווען טויט.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָבן מיר אויסגעגראָבן אין גאָרטן אַ טיף גריבעלע, איינגעוויקלט דאָס פיי־געלע אין אַ נאָזטיכל, מעקאַבער געווען דאָס פייגעלע און געשטעלט דערויף אַ צאַם — אַ ברעטל מיט אַן אויפשריפט: דאָ ליגט דאָס קליינע פייגעלע.

און אָנגעשריבן אַלע נעמען פון די וואָס זענען דערביי געווען: בערל, יאָסל, דאָוויד, קאַלמען, געצל...

„אויף וואָס האָט דאָס פייגעלע געלעבט? צוליב

וואָס און צוליב וועמען איז דאָס באַשאַפן געוואָרן ?" — דאָס זענען געווען די געדאַנקען, וואָס האָבן מיך געמאַטערט און איך האָב נישט געהאַט אויף דעם קיין ענטפער.

באַשעפעניש

I

— זאָלסט זײַן אַ ווייל יינגעלע, וואָלסטו אונדז געהאָלפן אָנרייבן כריין, ביז מיר וועלן פֿאַרטיק ווערן מיט די פֿיש.

אַזוי מאַכט צו מיר די מאַמע ערעוו שעוועס נאָך האַלבען טאָג, און איינינעם מיט דער קעכין שאָבט זי די פֿיש צו דער מילכיקער סודע, נאָך לעבעדיקע, נאָך צאַפּלדיקע פֿיש, וואָס אַז מען האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין אַ שיסל, האָבן זיי זיך נאָך געוואָרפֿן.

מער פֿון אַלע האָט זיך געוואָרפֿן אַ קליין קאָרעסל נעבעך מיט אַ גרויס בײַכעלע, מיט אַ קיילעכיק מײַלעכל און מיט רויטע אייגעלעך. דאָס דאָזיקע קאָרעסל האָט שטאַרק כיישעק געהאַט, צוריק אין טײַך אַרײַן, עס האָט זיך געוואָרפֿן, געשפּרונגען פֿון שיסל אַרויס, געעפֿנט דאָס מײַלעכל, געפּאַטשט מיטן עקל און געשפּריצט מיר דאָס וואַסער גלײַך אין פּאָנעם אַריין:

„יינגעלע, ראַטעווע מיך!... ראַטעווע מיך!...“

איך וויש אויס דעם פּאָנעם און נעם זיך צו דער אַרבעט רײַבן כריין, און טראַכט מיר: „אָרעם קאָרעסל

וואָס דו ביסט! איך קאָן דיר גאָרנישט טון... אָט וועט מען דיך נעמען אין דער אַרבעט: מען וועט דיך אָפּ־שאָבן, צעשנײַדן אויף שטיקלעך, אַרײַנלייגן אין טעפּל אַרײַן, באַזאַלצן און באַפּעפּערן, אַוועקשטעלן אויפֿן פֿײַער און קאָכן, און פּרעגלען, און בראָטן, און בראָטן און בראָטן".

— אַ ראַכמאָנעס, זאָג איך צו דער מאַמען, אַ צאַר באַלע כאַ׳ים.

— אויף וועמען אַ צאַר באַלע כאַ׳ים?

— אויף די פֿישעלעך.

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?

— דער רעבע.

— דער רעבע?

זי קוקט זיך איבער מיט דער קעכין, וואָס העלפֿט איר שאָבן די פֿיש, און ביידע צעלאַכן זיך.

— דו ביסט אַ נאַר און דײַן רעבע נאָך אַ גרעסע־רער, כאַ־כאַ... רײַב דעם כריין, רײַב!

אַז איך בין אַ נאַר — דאָס ווייס איך. דאָס זאָגט מיר די מאַמע אַלעמאָל. און די ברידער אויך. און די שוועסטער אויך. נאָר אַז דער רעבע איז נאָך אַ גרעסערער נאַר ווי איך — דאָס איז בײַ מיר אַ נײַעס.

איך האָב אַ כאַוועד פּיניעלע, אַ שויכעטס אַ יינגל.
בין איך געקומען אַמאָל צו אים צו גאַסט און האָב דערזען, ווי אַ קליין מיידל האָט געבראַכט צו זיי צו טראָגן אַ גרויסן גאַלאַגאַנסקן האָן, געפּענטעט די פיס מיט שטריקלעך. מיין כאַווערס פאָטער דער שויכעט איז געשלאָפן, און דאָס מיידל איז געזעסן ביי דער טיר און געוואַרט. דער האָן, אַ יאָט מיט ביינער, האָט זיך געריסן נעבעך פון מיידלס האַנט, געדריגעט מיט די געזונטע פיס איר אין בויך אַריין, דערלאַנגט אַ פּיק איר אין האַנט אַריין, אַרויסגעלאָזט אַלעמאָל אַ „קאָ-קאָ-קאָ" פונעם האַלדז-געפּראָטעסטירט ווי וויַט מעגלעך. דאָס מיידל איז אָבער אויך נישט געווען קיין פּראַמאַך. האָט זי דעם האָנס קעפּל אַריינגעלייגט צו זיך אונטערן אָרעם, געגעבן אים אַלע מאָל אַ שטורך מיטן עלנבויגן און אַ זאָג דערביי:

— זיץ אין געהאַקטע ווונדן.

און ער האָט זי געפאָלגט און געזעסן אין געהאַקטע ווונדן.

נאָך דעם אַז דער שויכעט איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געוואַשן די הענט און אַרויסגענומען דעם כאַלעף. ער האָט מיט אַ ווונק געהייסן זיך דערלאַנגען דעם האָן. איך האָב דערזען, אַז אויפן באָכער איז געקומען אַ נייע הויט. עס האָט זיך אים אַפּאָנעם, גע-

דאַכט, אַז דאָס בינדט מען אים אָפּ די געפּענטעטע פּיס און מען לאָזט אים אָפּ פרײַ, צו זײַנע הינער, צו דער פּראָסטע און צו דער קאָרעטע מיט וואַסער. צום סאָף האָט אים דער שויכעט אַ נעם געטאָן צו זיך צווישן די פּיס, מיט איין האַנט פאַרריסן אים דאָס קעפּל, מיט דער אַנדערער אים אויסגעפּליקט עטלעכע פּעדערלעך, אים אַ טוּיווע געטאָן און געמאַכט אַ בראָכע, און כיק–מיטן כאַלעף איבערן האַלדז, און אַ שלײַדער פון זיך. איך האָב געמיינט, ער וועט צעשאָטן ווערן.

– פּיניע! דײַן טאַטע איז אַ גאַזלען – זאָג איך צו מײַן כאַווער.

– מיט וואָס איז ער אַ גאַזלען?

– נישטאָ בײַ אים קיין „צאַר באַלע כאַיִם“.

– איך האָב נישט געוווּסט אַז דו ביסט אַזאַ כאָכעם – זאָגט צו מיר מײַן כאַווער און טראָגט מיר אונטער אַ גאַנץ שיינע פײַג גלײַך אונטער דער נאָז.

III

אונדזער קעכין איז אַ בלינדע אויף איין אויג. מע רופט זי „פרומע מיטן אייגל“–אַ מויד אָן אַ האַרץ. איינמאָל האָט זי אָפּגעשמיסן די קאַץ מיט קראָפּעווע דערפאַר, וואָס ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז די קאַץ

האָט אָװעקגעשלעפּט אַ לעבערל פֿון זאַלצבּרעטל. צום סאָף אַז זי האָט איבּערגעציילט נאָך אַ מאָל די אויפֿעס מיט די לעבּערלעך, האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זי האָט געהאַט אַ טאָעס. זי האָט גערעכנט, אַז מען האָט געקוילעט זיבּן אויפֿעס דאַרף זײַן נאָך איר כּעשבּן זיבּן לעבּערלעך און ס'איז גאָר געװען זעקס אויפֿעס. און װי באַלד אַז זעקס אויפֿעס, דאַרף דאָך מער נישט זײַן װי זעקס לעבּערלעך — אומזיסט כּוישעד געװען אַ קאַץ.

קענט איר מיינען, אַז פֿרומע האָט זיך מיסטאָמע גענומען צום האַרצן, געגאַנגען איבּערבעטן די קאַץ! װייס איך װאָס? — פֿאַרגעסן. אי זי האָט פֿאַרגעסן אי די קאַץ האָט פֿאַרגעסן. אין אַ פּאָר שאָ אַרום איז די קאַץ געזעסן גאַנץ כּטאַטעטשנע אויפֿן פּריפּעטשיק און באַלעקט זיך, גלײַך הײַ ס'װאָלט גאָרנישט געװען. נישט אומזיסט זאָגט מען — אַ קאַצענער מויעך.

איך האָב אָבער נישט פֿאַרגעסן. ניין. איך האָב נישט פֿאַרגעסן. איך זאָג צו אונדזער קעכין:

— אומזיסט געשמיסן אַ קאַץ.

— װעסט נישט אָװעקגיין? אָט גיב איך דיר מיט דער האַנטשירקע איבּערן פּאָנעם!

אַזוי זאָגט פֿרומע מיטן אייגל און גיט צו:

פֿונװאַנען נעמען זיך אַזוינע נאַרישע קינדער אויף דער װעלט?...

IV

דאָס איז געווען איבער אַ הונט, וואָס מען האָט
אים אָפּגעקאָכט מיט זודיק וואַסער, טאַקע זי, די איי-
גענע „פרומע מיטן אייגל״. אָך האָט אים ווײ געטון, דעם
הונט! פריִער האָט ער געקוויטשעט, געשריגן, געבילט,
איינגעלייגט די וועלט. דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך
צונויפגעלאָפן אויף זײַן בייז ווונדער און געלאַכט, גע-
לאַכט. די אַלע הינט וואָס אין שטעטל האָבן זיך אָפּ-
גערופן איטלעכער פון זײַן מיסט, און איטלעכער אויף
זײַן שטייגער, גלײַך ווי מען פרעגט בײַ זיי אַ דייע...
נאָך דעם, אַז דער אָפּגעקאָכטער האָט זיך גוט אויסגע-
קוויטשעט, האָט ער אָנגעהויבן וואָיען, אונטערהאַווקען,
לעקן די פאַרווונדעטע פעל און ווײנען שטילערהייט.
עס האָט אים אָנגענומען בײַם הארצן. איך גיי צו צו אים,
איך וויל אים שענקען אַ גלעט:

— נאָ, סירקאָ!

דער הונט האָט דערזען, אַז איך הייב אויף די
האַנט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווי נאָך אַ מאָל אז
אָפּגעבריטער, צונויפגענומען דעם עק און איז אַוועק —
אַוועק.

— שטיי, סירקאָ! — פּרוּוו איך אים איינשטילן מיט
ווייכע רייד — וואָס אַנטלויפסטו, נאַרעלע? איך וויל
דיך דען טשעפּען?...

אַ הונט בלייבט אַ הונט. אַ שטומע צונג. ער ווייסט
נישט פון קיין „צאַר באַלע כאַים״.

דערזעט דער טאַטע, אַז איך פּאָרע זיך מיטן הונט,
גיט ער מיר אַ רעכטע פּאָרציע:
— איז כּיידער אַרייַן, דו הינטשלעגער!...
ביז איר שוין גאָר אַ הינטשלעגער.





דאָ ליגט אַ ייִד אַ פּשוטער,
געשריבן ייִדיש-טײַטש פֿאַר ווײַבער,
און פֿאַרן פּראָסטן פֿאָלק — ער איז
געווען אַ הומאָריסט אַ שרײַבער.

דאָס גאַנצע לעבן אויסגעלאַכט,
געשלאָגן מיט דער וועלט כּפּרות.
די גאַנצע וועלט האָט גוט געמאַכט,
און ער — אוי וויי — געווען אין צרות!

און דווקא דעמאָלט ווען דער עולם האָט
געלאַכט, געקלאַטשט, און פֿלעג זיך פֿרייען,
האָט ער געקרענקט — דאָס ווייסט נאָר גאָט —
בסוד, אַז קיינער זאָל ניט זען.

שלום-עליכם.

דאָס איז די אויפשריפט, וועלכע שאָלעם-אַלייכעם האָט אַלײן אָנגעשריבן און געבעטן, מע זאָל זי אויסקריצן אויף זײַן מאַצייווע.

łata pocztowa uiszczona gotówką

א 60 פּרײַז דריטער יאָרגאַנג №5-6. 15 GRUDNIA 1936

„Kinder - Frajnd"

DWUTYGODNIK Wydanie B

es redakcji i administracji: Warszawa 1, Miła 33 m. 24.

די נאָענטסטע אויסגאַבעס פון די ביבל. „א", „ב" און

דער זשורנאַל — דערשײַנען דעם 15-טן יאַנואַר 1937.

אַבאָנענטן! מיר בעטן אײַך
רעגולירן דעם אָפּצאָל.

פון פעברואַר 1937 הויבט אָן צו דערשײַנען

מוזיקאַלישע ביבליאָטעק

לידער מיט נאָטן פאַר קלאַסן-געזאַנג, כאָר, סאָלאָ,
אינסצעניזאַציעס א"א.

אונטער דער רעדאַקציע פון י. טראָופּיאַנסקי.

יעדע צוויי וואָכן וועט דערשײַנען אַ העפטל פון
4 ווײַסלעך מיט טעקסט און נאָטן.